# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת אמור, י"ט אייר, אבות פרק ד', ל"ד לעומר, שנת תשפ"א לפ"ק

שנה 10, גליון 32 (497)


**זמנים (NYC)**

הדלקת הנרות.................**7:34**
מוצאי שב"ק....................**9:05**

**שיעורים כסדרן**

נ"ך...................ירמיה מ"ב-מ"ג
בבלי..............................יומא כ'
ירושלמי...............כתובות מ"ה
תוספתא.................טהרות ב'
רמב"ם....מאכלות אסורות ט"ו

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה אֱמֹר אֶל הַכֹּהֲנִים בְּנֵי אַהֲרֹן, וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם, לְנֶפֶשׁ לֹא יִטַּמָּא בְּעַמָּיו**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ 'זָאג פַאר דִי כֹּהֲנִים דִי קִינְדֶער פוּן אַהֲרֹן', 'אוּן דוּ זָאלְסְט זָאגְן צוּ זֵיי', וָואס אִיז דֶער טָאפְּלְט לָשׁוֹן פוּן זָאגְן?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קכ"א) **אוֹיפְ'ן פָּסוּק** (תְּהִלִּים מ', ח') **"אָז אָמַרְתִּי הִנֵּה בָאתִי בִּמְגִלַּת סֵפֶר כָּתוּב עָלָי, לַעֲשׂוֹת רְצוֹנְךָ אֱלֹקַי חָפָצְתִּי"**, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט אִין אַ סֵפֶר, אוּן וואוּ עֶר קוּקְט נָאר אַרַיין אִינֶעם סֵפֶר שְׁפִּירְט עֶר אַז סְ'אִיז גֶעשְׁרִיבְּן פַאר אִים, אַז סְ'זָאגְט מוּסָר פַאר אִים פֶּערְזֶענְלִיךְ, דַאן אִיז אַ סִימָן אַז דֶער מֶענְטְשׁ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶר ווִיל טוּן דִי ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. "אָז אָמַרְתִּי הִנֵּה בָאתִי בִּמְגִלַּת סֵפֶר כָּתוּב עָלָי", וֶוען אַ אִיד שְׁפִּירְט אַז דֶער סֵפֶר אִיז גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן פַאר מִיר, דַאן אִיז דָאס אַ צֵייכְן אַז "לַעֲשׂוֹת רְצוֹנְךָ אֱלֹקַי חָפָצְתִּי", אִיךְ ווִיל נָאר טוּן דֶעם רָצוֹן פוּן בַּאשֶׁעפֶער.

סְ'זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס הֶערְן אַ דְרָשָׁה, אָדֶער לֶערְנֶען אַ סֵפֶר, אוּן זֵיי טְרַאכְטְן גְלַייךְ אַז דָאס וָואלְט גֶעוֶוען גוּט פַאר יֶענֶעם צוּ הֶערְן, אוּן דָאס וָואלְט אַ צְוֵוייטֶער גֶעדַארְפְט ווִיסְן, אוּן עֶר פַארְגֶעסְט אִינְגַאנְצְן אַז עֶר אַלֵיין אִיז גָאר דֶער וָואס דַארְף זִיךְ פַארֶערְכְטְן, עֶר נֶעמְט נִישְׁט דִי דִבְרֵי מוּסָר פַאר זִיךְ נָאר פַאר יֶענֶעם, אִין דִי צַייט וָואס דֶער אֱמֶת אִיז אַז עֶר אַלֵיין אִיז גָאר דֶער וָואס דַארְף דָאס הָאבְּן דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם.

וֶוען אַ אִיד הָאט אָבֶּער דֶעם קָאפּ אוֹיפְ'ן פְּלַאץ, עֶר וֵוייסְט וואוּ עֶר שְׁטֵייט אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶר וֵוייסְט אַז עֶר הָאט נָאךְ אַסַאךְ צוּ פַארֶערְכְטְן, וֶועט עֶר זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ זֶען אִין אַ סֵפֶר דִי מוּסָר רֵייד וָואס עֶר דַארְף צוּ לֵיינֶען, אָדֶער צוּ הֶערְן אַ דְרָשָׁה פוּן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס אִיז אִים מְעוֹרֵר אוֹיף זַאכְן וָואס עֶר דַארְף בֶּעסֶער מַאכְן. עֶר וֶועט נֶעמֶען דִי וֶוערְטֶער פַאר זִיךְ אַלֵיין, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל טַאקֶע זוֹכֶה זַיין אַלֶעס צוּ פַארֶערְכְטְן אוּן זִיךְ אָנְהוֹיבְּן אוֹיפְפִירְן ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן דַאן וֶועט עֶר טַאקֶע וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

מִיט דֶעם קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין דֶער טָאפְּלְט לָשׁוֹן אִינֶעם פָּסוּק, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עֶר זָאל זָאגְן פַאר דִי כֹּהֲנִים, אָבֶּער עֶר זָאל צוּלֵייגְן דֶעם "וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם", אַז עֶר רֶעדְט טַאקֶע צוּ זֵיי, **זֵיי זָאלְן נֶעמֶען דִי רֵייד פַאר זִיךְ אַלֵיין, נִישְׁט אַז סְ'וָואלְט גוּט פַאר אַ צְוֵוייטְן צוּ הֶערְן**, אוּן דַאן וֶועט שׁוֹין זַיין "לְנֶפֶשׁ לֹא יִטַּמָּא בְּעַמָּיו", זֵיי וֶועלְן נִישְׁט מְטַמֵּא זַיין אוּן אָפְּ'פַּסְלְ'ן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, זֵיי וֶועלְן נִישְׁט טְרַאכְטְן אַז יֶענֶער אִיז נִישְׁט גוּט, נָאר זֵיי וֶועלְן ווִיסְן אוּן פַארְשְׁטֵיין אַז דֶער צַדִּיק רֶעדְט נָאר צוּ זֵיי, אוּן זֵיי וֶועלְן נֶעמֶען דִי מוּסָר רֵייד נָאר פַאר זִיךְ אַלֵיין, זִיךְ צוּ פַארְבֶּעסֶערְן.

לָאמִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיסְצוּהֶערְן וָואס דִי צַדִּיקִים זָאגְן אוּנְז, לֶערְנֶען זֵייעֶרֶע סְפָרִים אוּן אוֹיסְהֶערְן זֵייעֶרֶע מוּסָר רֵייד, אוּן עֶס נֶעמֶען פַאר אוּנְז אַלֵיין, זִיךְ צוּ פַארְבֶּעסֶערְן אוּן זִיךְ אוֹיפְפִירְן ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, דַאן וֶועלְן מִיר גֶעווִיס זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אֱמֶת'דִיגֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל אֱמוֹר תשס"ה)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### לְכָבוֹד שַׁבָּת קוֹדֶשׁ

אוֹיסֶער דֶעם וָואס מֶען דַארְף צוּגְרֵייטְן דָאס הוֹיז אוּן מֶען דַארְף צוּגְרֵייטְן פֵיינֶע עֶסְן לְכָבוֹד שַׁבָּת, דַארְף מֶען זִיךְ אַלֵיין אוֹיךְ צוּגְרֵייטְן צוּם שַׁבָּת. מֶען דַארְף זִיךְ צוּגְרֵייטְן מִיט אַסַאךְ סַבְלָנוּת אוּן גֶעדוּלְד אַז מֶען זָאל קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין דֶעם שַׁבָּת פְרֵיילִיכֶערְהֵייט אוּן רוּאִיגֶערְהֵייט, אוּן נִישְׁט וֶוערְן אִין כַּעַס אוּן אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ.

חֲזַ"ל דֶערְצֵיילְן (גִיטִין נ"ב.) אִיבֶּער אַ גֶעווִיסֶע מִשְׁפָּחָה וָואס דֶער שָׂטָן הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעזֶעצְט בַּיי זֵיי אִינְדֶערְהֵיים אוּן יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת הָאט עֶר פְּרוּבִּירְט דָארְט אָנְצוּזֵייעֶן אַ מַחְלוֹקֶת, יֶעדְן פְרַייטָאג פְלֶעגְט מֶען זִיךְ קְרִיגְן דָארְט אִין הוֹיז. אֵיינְמָאל אִיז רֶבִּי מֵאִיר אָנְגֶעקוּמֶען אַהִין, אוּן עֶר אִיז דָארְט גֶעבְּלִיבְּן פַאר דְרֵיי פְרַייטָאגְס, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז וֶוען רֶבִּי מֵאִיר אִיז גֶעוֶוען בַּיי זֵיי אִינְדֶערְהֵיים הָאט נִישְׁט גֶעפַּאסְט זִיךְ צוּ קְרִיגְן, אַזוֹי אִיז דוּרְךְ דִי דְרֵיי פְרַייטָאגְס בְּשָׁלוֹם אָן קַיין קְרִיגֶערֵיי, אוּן דַאן הָאט מֶען גֶעהֶערְט דֶעם קוֹל פוּנֶעם שָׂטָן וָואס זָאגְט: "וֵויי אִיז מִיר אַז רֶבִּי מֵאִיר הָאט מִיךְ אַרוֹיסְגֶעפִירְט פוּן דֶעם

<<<<<<

## א גוטווארט

וֶוען דוּ דַארְפְסְט גֶעבְּן מוּסָר פַאר אַ קִינְד זָאלְסְטוּ דָאס טוּן אַזוֹי ווִי מֶען גֶעבְּט מֶעדֶעצִין; אַזוֹי ווִי קִינְדֶער ווִילְן נִישְׁט נֶעמֶען קַיין מֶעדֶעצִין, אַזוֹי ווִילְן זֵיי נִישְׁט הֶערְן מוּסָר. וָואס טוּט מֶען וֶוען דַארְף גֶעבְּן פַאר אַ קִינְד מֶעדֶעצִין? עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ נֶעמֶען דִי שַׁארְפֶע מֶעדֶעצִין, וָואס טוּט מֶען? מֶען גֶעבְּט זֵיי צוּ טְרִינְקֶען אַ זִיסֶע גֶעטְרַאנְק פַארְדֶעם אוּן נָאכְדֶעם אוּן אִינְדֶערְמִיט שְׁמוּגְלְט מֶען אַרַיין דִי שַׁארְפֶע מֶעדֶעצִין.

אַזוֹי אִיז אוֹיךְ מִיט מוּסָר; וֶוען אַ מְלַמֵּד ווִיל זָאגְן מוּסָר פַארְ'ן תַּלְמִיד, דַארְף מֶען אָנְהֵייבְּן מִיט שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער, אוֹיסְרוּמֶען דֶעם תַּלְמִיד, ווִי טֵייעֶר עֶר אִיז, וּבְתוֹךְ הַדְּבָרִים זָאגְט מֶען אִים אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, מֶען זָאגְט אִים דִי הַארְבְּקֵייט דֶערְפוּן אוּן מֶען עֶנְדִיגְט מִיט גוּטֶע חִיזוּק, ווִי חָשׁוּב עֶר אִיז, ווִי טֵייעֶר עֶר אִיז אוּן ווִי שֵׁיין עֶר וֶועט אוֹיסְוַואקְסְן אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ פִירְן גוּט.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים תשפ"א)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# זוכְן פַּרְנָסָה אִיז נִישְׁט קַיין חִסָרוֹן אִין אֱמוּנָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ

יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת טָהֳרָה, ב׳ אִיָּר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג וָואס דוּ זָאגְסְט אַז בֶּעטְן מֶענְטְשְׁן מֶען זָאל דִיר שִׁיקְן אַרְבֶּעט - אִיז אַ חִסָרוֹן אִין אֱמוּנָה; בֶּעטְן מֶענְטְשְׁן זָאלְן גֶעבְּן אַרְבֶּעט אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין חִסָרוֹן אִין אֱמוּנָה, עֶס אִיז אַ חִסָרוֹן אִין קַאנְפִידֶענְס, אַ חִסָרוֹן אִין גְלַייבְּן אִין זִיךְ; מֶען מֶעג בֶּעטְן אוּן מֶען דַארְף בֶּעטְן פַאר אַרְבֶּעט.

קֶענְסְט דָאךְ זָאגְן נָאךְ מֶער, אֶפְשָׁר זָאלְסְטוּ בִּכְלַל פַארְמַאכְן דַיין אַרְבֶּעט אוּן מֶער נִישְׁט אַרְבֶּעטְן וַוייל עֶס אִיז אַ חִסָרוֹן אֱמוּנָה? נָאר וָואס דֶען, אַרְבֶּעטְן אוּן זוכְן אַרְבֶּעט אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין חִסָרוֹן אֱמוּנָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט מֶען זָאל אַרְבֶּעטְן; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סִפְרֵי דְבָרִים פֶּרֶק טו, פִּסְקָא קנח) אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (מִלְּשׁוֹן הַכָּתוּב דְבָרִים טו, יח): "וּבֵרַכְתִּיךָ בְּכָל אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בֶּענְטְשְׁט אוּנְז מִיר וֶועלְן זֶען אַ בְּרָכָה אִין אוּנְזֶער אַרְבֶּעט, "יָכוֹל יְהֵי יוֹשֵׁב וּבָטֵל", וֶועסְטוּ מֵיינֶען אַז מֶען דַארְף נִישְׁט אַרְבֶּעטְן, מֶען קֶען זִיצְן לֵיידִיג? "תַּלְמוּד לוֹמַר בְּכָל אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה", אוֹיף דֶעם שְׁטֵייט מֶען זָאל טוּן.

אַוַדַאי זָאלְסְטוּ אָנְרוּפְן אַלֶע וָואס דוּ הָאסְט זֵיי גֶעגֶעבְּן פְּרַייזְן זֵיי פְרֶעגְן פַארְוָואס זֵיי נֶעמֶען דִיר נִישְׁט, אוֹיבּ בִּיסְטוּ צוּ טֵייעֶר זָאלְסְטוּ אַרָאפְּקוּמֶען מִיט דִי פְּרַייז.

**דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן אוֹיף דִי אַרְבֶּעט אַז דָאס אִיז דַיין מְקוֹר הַפַּרְנָסָה, זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן אוֹיף מֶענְטְשְׁן; זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף מֶענְטְשְׁן אִיז אַ חִסָרוֹן אֱמוּנָה, פַארְלָאז זִיךְ אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.**

קֶענְסְט נֶעמֶען זַייטִיגֶע אַרְבֶּעט כָּל זְמַן עֶס קוּמְט נִישְׁט אַרַיין קַיין אַרְבֶּעט פַאר דִיר בַּיים בּוֹיעֶן. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם בַּעַל בִּטָחוֹן, עֶס **הָאט אִים גֶעפַּאסְט צוּ נֶעמֶען אַלֶע סָארְט אַרְבֶּעט - אַבִּי עֶר זָאל קֶענֶען אַהֵיים בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה;** הָאב נִישְׁט מוֹרָא צוּ נֶעמֶען אַרְבֶּעט אִינְדֶערְזַייט, אֲפִילוּ עֶמְטְלִיךְ בִּיסְטוּ אַ גְרוֹיסֶער קָאנְטְרַאקְטָאר.

בְּנוֹגֵעַ נֶעמֶען קִינְדֶער אִין מִקְוֶה; מִיר נֶעמֶען עֶרֶב שַׁבָּת קִינְדֶער פוּן קְלֵיינֶערְהֵייט אָן - אִין מִקְוֶה, אָבֶער מֶען טוּט דָאס אִין דִי צַייט וֶוען עֶס אִיז נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעפִילְט מִיט מֶענְטְשְׁן, בְּדֶרֶךְ כְּלַל אִין אָנְהֵייבּ הָאבְּן דִי קִינְדֶער נָאךְ מוֹרָא זִיךְ אַייְנְטוּנְקֶען דִי קָאפּ, מֶען הֵייבְּט אָן קוֹדֶם אַז זֵיי זָאלְן אַרַיינְקוּמֶען אִין מִקְוֶה זִיךְ טוֹבְלְ׳ן בִּיזְן הַאלְז, אַזוֹי מִיט דֶער צַייט גֵייט אַוֶועק דִי פַּחַד.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה טָהֳרָה תשפ"א)

>>>>>>

הויז".

דֶער שָׂטָן הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן דַוְקָא נָאר יֶענֶעם הוֹיז צוּ מַאכְן דָארְט מַחְלוֹקֶת יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת, נָאר עֶר מַאכְט זִיכֶער אַרוּמְצוּגֵיין אִין אַלֶע אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶּער יֶעדְן פְרַייטָאג אוּן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דָארְט אַן אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט, מֶען זָאל שְׁרַייעֶן אֵיינֶער אוֹיפְ׳ן צְוֵייטְן, אוּן וֶוערְן נֶערְוֶועז פוּן יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט, אַזוֹי אַז דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ זָאל זַיין בַּאבְּלָאזְן אוּן טְרוֹיעֶרִיג, אוּן אַזוֹי זָאל מֶען אַרַיינְקוּמֶען אִינֶעם שַׁבָּת מִיט כַּעַס אוּן מַחְלוֹקֶת, אוּן דֶער גַאנְצֶער שַׁבָּת זָאל שׁוֹין זַיין צֶעשְׁטֶערְט חַס וְשָׁלוֹם.

פַארְוָואס טוּט עֶר דָאס? פַארְוָואס גֵייט אַזוֹי אִין לֶעבְּן פַארְ׳ן שָׂטָן אַז עֶס זָאל נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ אִין אַ אִידִישׁ הוֹיז אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ? וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז וֶוער ס׳אִיז פְרֵיילִיךְ אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ וֶועט אִים שׁוֹין גֵיין גוּט דִי גַאנְצֶע וָואךְ נָאכְדֶעם, עֶר וֶועט הָאבְּן אַן הַצְלָחָה׳דִיגֶע וָואךְ סַיי בְּרוּחֲנִיּוֹת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיּוֹת, עֶר וֶועט הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע, אוּן דָאס גוּט מַזָל וֶועט אִים נָאכְלוֹיפְן דִי גַאנְצֶע וָואךְ וואו עֶר וֶועט נָאר גֵיין אוּן וָואס עֶר וֶועט נָאר טוּן.

דֶער שָׂטָן פַארְגִינְט דָאס נִישְׁט פַארְ׳ן מֶענְטְשׁ, אוּן דֶערִיבֶּער וֶועט עֶר זִיכֶער מַאכְן אַז דֶער פְרַייטָאג זָאל זַיין אָנְגֶעצוֹיגְן, אוּן אַזוֹי וֶועט שׁוֹין דֶער שַׁבָּת אוֹיךְ מִיטְגֵיין מִיט דִי קְרִיגֶערַייעֶן אוּן כַּעַס, אוּן דַאן הָאט עֶר שׁוֹין אָפְּגֶע׳שָׁחְטְ׳ן דִי גַאנְצֶע וָואךְ פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ.

דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (עַיֵּין תִּקּוּנֵי זֹהַר, דַף קכ"ה) אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (שְׁמוֹת ל"ה, ג׳) "לֹא תְבַעֲרוּ אֵשׁ בְּכֹל מֹשְׁבֹתֵיכֶם בְּיוֹם הַשַּׁבָּת", דִי תּוֹרָה זָאגְט אוּנְז אָן אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט אָנְצִינְדֶען קַיין פֵייעֶר אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, לֵייגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר צוּ צוּ דֶעם נָאךְ אֵיין וָוארְט, "לֹא תְבַעֲרוּ אֵשׁ, הַכַּעַס", זָאלְסְט נִישְׁט אָנְצִינְדֶען דָאס פֵייעֶר פוּן כַּעַס אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ. מֶען דַארְף זִיךְ הִיטְן פוּן כַּעַס אוּם שַׁבָּת נָאךְ מֶער וִוי מֶען הִיט זִיךְ פוּן פֵייעֶר, כַּעַס אוּם שַׁבָּת בְּרֶענְגְט אָרִימְקֵייט פַאר דִי גַאנְצֶע וָואךְ, דֶער מֶענְטְשׁ פַארְלִירְט זַיין גוּטֶע מַזָל, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אִים פִילֶע לַיידְן אוּן צָרוֹת אוֹיף דִי קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ.

עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג; אַ אִיד אַרְבֶּעט שְׁוֶוער דִי גַאנְצֶע וָואךְ, אוּן וֶוען עֶר קוּמְט אַהֵיים אוּם פְרַייטָאג אוּן אִין שַׁבָּת, דַארְף עֶר אַבִּיסְל מְנוּחָה, אַבִּיסְל רוּאִיגְקֵייט, אוּן עֶר קֶען זִיךְ גְרִינְג אוֹיפְרֶעגְן אִינְדֶערְהֵיים אוֹיף דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער וֶוען עֶס גֵייט נִישְׁט אַלֶעס אַזוֹי וִוי עֶר וִויל. וָואס טוּט אָבֶער נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ פַאר פַּרְנָסָה, פַאר הַצְלָחָה, פַאר גֶעזוּנְט. וֶוען אַ אִיד זָאל גוּט וִויסְן אַז זַיין גַאנְצֶע הַצְלָחָה פוּן דִי גַאנְצֶע וָואךְ וֶוענְדְט זִיךְ אִין זַיין שַׁבָּת, אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ הַאלְטְן רוּאִיג אוּן פְרֵיילִיךְ אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, וֶועט זַיין גַאנְצֶע וָואךְ אִים גֵיין גוּט, וֶועט אִים דַאן זַיין גְרִינְגֶער זִיךְ אַייְנְצוּהַאלְטְן פוּן כַּעַס, זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְצוּרֶעגְן אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט, אוּן אֲפִילוּ נִישְׁט אוֹיף גְרוֹיסֶע זַאכְן. אַדְרַבָּה עֶר וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַ גֶעשְׁמַאקֶע אַטְמָאסְפֶער אִין שְׁטוּבּ, עֶר וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַ שִׂמְחָה אִין שְׁטוּבּ, עֶר וֶועט מַאכְן פְרֵיילִיךְ דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן דָאס וֶועט אִים בְּרֶענְגֶען דִי גְרֶעסְטֶע הַצְלָחָה.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס הַאלְט זִיךְ רוּאִיג אוּן וֶוערְט נִישְׁט אִין כַּעַס קַיין אֵיין טָאג נִישְׁט, אוּן זִיכֶער נִישְׁט אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ. וַוייל דֶער עִיקָר שְׁלֵימוּת פוּנֶעם שַׁבָּת אִיז וֶוען מֶען אִיז מְקַבֵּל דֶעם שַׁבָּת מִיט שִׂמְחָה, מֶען פְרֵיידְט זִיךְ מִיטְ׳ן הֵיילִיגְן שַׁבָּת.

דִי שַׁבָּת׳דִיגֶע סְעוּדוֹת קֶען אַ אִיד אוֹיסְנוּצְן אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אַ גֶעשְׁמַאק אוּן אַ בַּא׳טַעֲמְ׳קֵייט אִין זַיין שְׁטוּבּ, עֶר קֶען אוֹיפְלֶעבְּן זַיין הוֹיז אוּן עֶס מַאכְן פַאר אַ גַן עֵדֶן, אוֹיבּ פִירְט עֶר שֵׁיינֶע שַׁבָּת׳דִיגֶע סְעוּדוֹת.

בְּמֶשֶׁךְ דִי וָואךְ אִיז אַ מֶענְטְשׁ גֶעוֶוענְלִיךְ פַארְנוּמֶען, עֶר הָאט נִישְׁט צוּפִיל צַייט זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה אוּן מִיט זַיינֶע קִינְדֶער. דוּרְכְאוֹיס דִי וָואךְ קוּמְט מֶען אַסַאךְ מָאל אַהֵיים גָאר שְׁפֶּעט, וֶוען דִי קִינְדֶער שְׁלָאפְן שׁוֹין, אַזוֹי אַז עֶס קוּמְט כִּמְעַט נִישְׁט אוֹיס צוּ רֶעדְן מִיט דִי קִינְדֶער אַ גַאנְצֶע וָואךְ.

אָבֶער שַׁבָּת קוֹדֶשׁ וֶוען מֶען זִיצְט בַּיים שַׁבָּת טִישׁ מִיט דִי קִינְדֶער, קֶען מֶען אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט זִיךְ אַרָאפְּצוּלָאזְן צוּ דִי קִינְדֶער, אוֹיסְהֶערְן וָואס זֵיי הָאבְּן צוּ זָאגְן אוּן רֶעדְן מִיט זֵיי דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, זֵיי דֶערְצֵיילְן סִפּוּרֵי צַדִיקִים, זִינְגֶען מִיט זֵיי דִי זְמִירוֹת שַׁבָּת, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. עֶס אִיז מַמָשׁ אַ שָׁאד אַז דִי בִּיסְל צַייט פוּן דִי גַאנְצֶע וָואךְ וָואס מֶען הָאט מִיט דִי קִינְדֶער זָאל אַוֶועקְגֵיין מִיט רֶעדְן נַארִישְׁקֵייטְן. אָדֶער נָאךְ עֶרְגֶער, מִיט לָשׁוֹן הָרַע אוּן רְכִילוּת.

מֶענְטְשְׁן מַאכְן אַ טָעוּת מִיט דֶעם וָואס מֶען גְרֵייט זִיךְ אָן בְּלוֹיז דִבְרֵי תּוֹרָה צוּ זָאגְן בַּיים טִישׁ, קִינְדֶער הָאבְּן נִישְׁט אַלֶעמָאל קַיין גֶעדוּלְד צוּ קַיין תּוֹרוֹת, זֵיי לֶערְנֶען שׁוֹין אַ גַאנְצֶע וָואךְ גֶענוּג אִין חֵדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע. בַּיים שַׁבָּת טִישׁ ווִילְן דִי קִינְדֶער הֶערְן שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים, זִינְגֶען שֵׁיין צוּזַאמֶען, זֵיי ווִילְן אֵיינֶער זָאל זֵיי אוֹיסְהֶערְן וָואס זֵיי הָאבְּן צוּ דֶערְצֵיילְן ווִי אַזוֹי ס׳אִיז אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען זֵייעֶר וָואךְ, אוּן מִיט אַבִּיסְל סַבְלָנוּת אוּן גֶעדוּלְד קֶען אַ טַאטֶע מְחַיֶה זַיין אוּן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַ חִיּוּת אוּן לֶעבְּהַאפְט אִין דִי גַאנְצֶע פַאמִילְיֶע, בְּלוֹיז מִיט דִי שַׁבָּת טִישְׁן.

מֶען דֶערְצֵיילְט אוֹיף אַ גֶעווִיסֶער גָדוֹל בְּיִשְׂרָאֵל וָואס הָאט לֵיידֶער נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט אַ שָׁכֵן זֵייעֶר אַ פָּשׁוּטֶער אִיד וָואס הָאט יָא זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ גֶעלוּנְגֶענֶע עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער. הָאט דֶער גָדוֹל גֶעזָאגְט סוֹף יָמָיו, אַז אַזוֹי ווִי עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער מַתְמִיד, פְלֶעגְט עֶר שְׁנֶעל עֶנְדִיגְן דִי שַׁבָּת׳דִיגֶע סְעוּדוֹת אוּן עֶר הָאט זִיךְ גְלַייךְ גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה, ווִידֶערְאוּם דֶער שָׁכֵן אִיז גֶעוֶוען אַ פָּשׁוּטֶער אִיד, עֶר פְלֶעגְט מַאֲרִיךְ זַיין בַּיי דִי סְעוּדוֹת, עֶר הָאט גֶעזִינְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער, עֶר הָאט גֶערֶעדְט מִיט זֵיי, אוּן דֶערִיבֶּער זֶענֶען זַיינֶע קִינְדֶער גֶעוֶוען אַזוֹי גֶערָאטְן, יֶעצְט הָאט עֶר חֲרָטָה פַארְוָואס עֶר הָאט נִישְׁט מֶער מַאֲרִיךְ גֶעוֶוען בַּיי דִי סְעוּדוֹת אַזוֹי ווִי זַיין שָׁכֵן, עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן אַז וֶוען עֶר וָואלְט מֶער

<<<<<<

>>>>>>
פַארְבְּרֶענְגְט מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, וָואלְט עֶר מֶער מַצְלִיחַ גֶעוֶוען מִיט זֵיי.

קִינְדֶער דַארְפְן זֵייעֶר ווִיכְטִיג הָאבְּן אַז דִי עֶלְטֶערְן זָאלְן זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט זֵיי, נָאר אַזוֹי קֶענֶען זֵיי אוֹיפְוַואקְסְן גֶעזוּנְט בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת. דֶעריבֶּער, עֶלְטֶערְן וָואס זָארְגְן זִיךְ פַאר דִי וואוֹילְזַיין פוּן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, דַארְפְן זֶען כָאטְש אֵיינְמָאל אַ וָואךְ אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ צוּ אוֹיסְנִיצְן דִי גֶעלֶעגְנְהֵייט אוּן אַוֶועקְגֶעבְּן צַייט פַאר דִי קִינְדֶער. דָאס אִיז אַן אִינֶוועסְטְמֶענְט וָואס בְּרֶענְגְט גָאר גְרוֹיסֶע רְוָחִים צוּ זֶען אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער.

(קוּנְטְרֵס גוּט שַׁבָּת)

## דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קד)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: רֶבִּי נָתָן אִיז זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין חַיּוּת אִין עֲבוֹדַת ה', אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט קוּמְט ר' לִיפָּא צוּרִיק פוּן אַ שַׁבָּת בַּיים רֶבִּי'ן, אוּן שְׁטֶעלְט זִיךְ זָאגְן סְלִיחוֹת מִיט גְרוֹיס חַיּוּת אוּן גֶעשְׁמַאק.**

עֶר אִיז אַרַיין אִין דִי גְרוֹיסֶע שׁוּל, וָואס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען פַארְשְׁלָאסְן, דוּרְךְ עֶפֶּעס אַ פֶענְסְטֶער, אוּן אִיז דָארְט אַרוֹיף אִין וַוייבֶּער שׁוּל אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן תְּהִלִּים מִיט גְרוֹיס גֶעוֵויין. עֶר הָאט גֶעזָאגְט קַאפִּיטְל נָאךְ קַאפִּיטְל, וֶוען טְרֶערְן גִיסְן פוּן זַיינֶע אוֹיגְן, עֶר אִיז גֶעוֶוען שְׁרֶעקְלִיךְ אַנִידֶערְגֶעשְׁלָאגְן אִיבֶּער זַיין מַצָּב, וָואס וֶועט זַיין דֶער תַּכְלִית פוּן אִים אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶר הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן אוּן זִיךְ גֶעלֵייגְט אוֹיף דֶער עֶרְד אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אוּן גֶעוֵויינְט מִיט שְׁרֶעקְלִיכֶע בְּכִיּוֹת אָן אוֹיפְהֶער, אוּן עֶר הָאט מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעקֶענְט אָפְּקִילְן זַיין צֶעבְּרָאכְן הַארְץ.

בִּיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען צוּ קַאפִּיטְל נ', עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען גָאר שְׁטַארְק אָפְּגֶעמוּטְשֶׁעט פוּן אַזוֹיפִיל וֵויינֶען, אוּן עֶר הָאט אַיינְגֶעדְרִימְלְט אַזוֹי אוֹיף דֶער עֶרְד.

עֶר חָלוֹמְ'ט זִיךְ ווִי עֶס שְׁטֵייט אַ לֵייטֶער אוֹיף דֶער עֶרְד, אוּן זַיין שְׁפִּיץ דֶערְגַרֵייכְט בִּיזְ'ן הִימְל, עֶר הוֹיבְּט אָן אַרוֹיפְצוּקְרִיכְן אַבִּיסְל אוֹיפְ'ן לֵייטֶער, אָבֶּער עֶר פַאלְט צוּרִיק אַרָאפּ, עֶר פְּרוּבִּירְט נָאכְאַמָאל אַרוֹיפְגֵיין נָאךְ אַבִּיסְל, אָבֶּער עֶר פַאלְט ווִידֶער אַרָאפּ, אוּן אַזוֹי פְּרוּבִּירְט עֶר נָאכְאַמָאל, אוּן יֶעדֶעס מָאל אִיז עֶר מַצְלִיחַ אַרוֹיפְצוּגֵיין אַבִּיסְל הֶעכֶער, אָבֶּער ווִי הֶעכֶער עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען, אַלְץ אִיז דֶער קְלַאפְּט פוּנֶעם פַאלְן גֶעוֶוען גְרֶעסֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער, בִּיז עֶר אִיז אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען הִיבְּשׁ הוֹיךְ, אוּן דַאן שְׁטַארְק אַרָאפְּגֶעפַאלְן פוּן דָארְט, אוּן מֶער הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט נָאכְאַמָאל אַרוֹיפְגֵיין.

אוּן דַאן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אֵיינֶער אוּן אִים גֶעזָאגְט, "דְרַאפֶּע זִיךְ, אוּן הַאלְט זִיךְ!".

**שצט**

וֶוען דִי אִינְגֶעלַייט אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הָאבְּן גֶעזֶען דִי גְרוֹיסֶע הִתְלַהֲבוּת אוּן חַיּוּת פוּן ר' לִיפָּא בַּיים זָאגְן סְלִיחוֹת, אִיז דָאס זֵיי גֶעוֶוען אַ וואוּנְדֶער, וָואס הָאט יֶעצְט פַּאסִירְט מִיט אִים? עֶר אִיז דָאךְ גֶעוֶוען אַ טֵייל פוּן זֵייעֶר גְרוּפֶּע? פוּן וואוּ הָאט עֶר יֶעצְט בַּאקוּמֶען אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע סָארְט גֶעשְׁמַאק אִין דִי סְלִיחוֹת?

נָאךְ סְלִיחוֹת הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט אִיבֶּער דֶעם, אוּן עֶר הָאט זֵיי דֶערְצֵיילְט אַז סְ'הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעצוֹיגְן אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב אַ גְרוֹיסֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק, אַן אֵיינִיקְל פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, אוּן דָארְט הָאט עֶר בַּאקוּמֶען אוּם שַׁבָּת גָאר אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְעוֹרְרוּת אוּן הִתְחַזְּקוּת.

וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס גֶעהֶערְט, הָאט אִים אָנְגֶעכַאפְּט אַ שְׁטַארְקֶע חֵשֶׁק אוֹיךְ צוּ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אֶפְשָׁר וֶועט עֶר זִיךְ דָארְט קֶענֶען אוֹיפְפְרִישְׁן, אֶפְשָׁר וֶועט עֶר דָארְט קֶענֶען זֶעטִיגְן דִי דָארְשְׁט פוּן זַיין נְשָׁמָה.

**ת**

זוּנְטָאג, א' סְלִיחוֹת, הָאבְּן זִיךְ צוּזַאמְגֶעשְׁטֶעלְט אַ גְרוּפֶּע פוּן עֶטְלִיכֶע אִינְגֶעלַייט, רֶבִּי נָתָן, ר' נַפְתָּלִי, ר' לִיפָּא, אוּן דֶער קְלֵיינֶער ר' זַלְמָן, אוּן זֵיי זֶענֶען אִינְאֵיינֶעם גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי'ן.

וֶוען זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען בַּיים עֶק שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, זֶענֶען זֵיי אַרַיין צוּ אַ אִיד אִינְדֶערְהֵיים זִיךְ אָפְּצוּרוּעֶן, עֶר הָאט גֶעהֵייסְן ר' בֶּערְל דָאבְּרִישׁ, אוּן עֶר הָאט זֵיי דֶערְצֵיילְט אוֹתוֹת אוּן מוֹפְתִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן דָאס הָאט זֵיי נָאךְ מֶער אוֹיפְגֶעפְלַאמְט דָאס הַארְץ צוּ טְרֶעפְן דֶעם רֶבִּי'ן.

[רֶבִּי נָתָן הָאט שְׁפֶּעטֶער דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען עֶר אִיז אַרַיין אִין ר' בֶּערְל'ס הוֹיז, זַייעֶנְדִיג אוֹיפְ'ן וֶועג צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל, "הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז דִי שְׁטוּבּ אִיז שׁוֹין פוּל מִיטְ'ן רֶבִּי'ן". עֶר הָאט מְרַמֵּז גֶעוֶוען אַז אַזוֹי דַארְף אוֹיסְקוּקְן אַ הוֹיז פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אַז סְ'זָאל זַיין פוּל מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, דָאס הֵייסְט אַז מְ'זָאל דָארְט רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן נָאר פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן].

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# אִיךְ פִּיל זִיךְ וֶוערְטְלָאז,
# ווִי אַזוֹי שְׁטַארְק אִיךְ זִיךְ?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ הֶער נִישְׁט אוֹיף צוּ פַאלְן, אִיךְ קֶען נִישְׁט עֶפֶּענֶען מַיין מוֹיל צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ פִּיל אַז אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט וֶוערְד, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק ווִי אַזוֹי אִיךְ זֶע אוֹיס, אִיךְ בַּאשׁוּלְדִיג מִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק, אוּן אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ בִּין טַאקֶע שׁוּלְדִיג, אָבֶּער עֶס אִיז שְׁרֶעקְלִיךְ שְׁוֶוער זִיךְ אַרוֹיסְצוּזֶען פוּן מַיין מַצָּב מִיט אַזֶעלְכֶע גֶעפִילְן.

וֶוען אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ טְרַאכְטְן פוּן דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס אִיךְ טוּ, אַזוֹי ווִי לֶערְנֶען אַ בְּלַאט גְמָרָא אָדֶער מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, גְלֵייבּ אִיךְ נִישְׁט עֶכְט אַז עֶס אִיז עֶפֶּעס וֶוערְד, וָואס טוּ אִיךְ?

**יְיַשֵׁר כֹּחַ**

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ה' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, י' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, הַארְצִיגֶער חָבֵר; דָאס וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער - דָאס גֵייעֶן אַלֶע אַרִיבֶּער, אַלֶע שְׁפִּירְן דָאס וָואס דוּ שְׁפִּירְסְט. דָאס אִיז דָאךְ אוּנְזֶער עֲבוֹדָה אוֹיף דִי וֶועלְט, זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוֹיף דִי אַלֶע מִלְחָמוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דֶעם מֶענְטְשׁ וַוייל עֶר ווִיל אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן אִים תַּעֲנוּגִים אוּן שַׁעֲשׁוּעִים וָואס מֶען קֶען נִישְׁט הָאבְּן פוּן מַלְאָכִים. מַלְאָכִים הָאבְּן נִישְׁט קַיין יֵצֶר הָרַע, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין דַאֲגוֹת פַּרְנָסָה, זֵיי זֶענֶען אַ שְׁטִיק פֵייעֶר, זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר הֵיילִיג; דָאךְ הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן דֶעם קְלֵיינֶעם מֶענְטְשְׁ'ל מִיט אַ בְּרֶענֶעדִיגֶע יֵצֶר הָרַע וָואס וַוארְפְט אִים אַרָאפּ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל זֶען ווִי דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף אוּן קוּמְט נָאכְאַמָאל צוּרִיק, עֶר פְּרוּבִּירְט וָואס עֶר קֶען.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ז): "כִּי מִי שֶׁיּוֹדֵעַ קְצָת בִּידִיעָתוֹ יִתְבָּרַךְ", וֶוער עֶס וֵוייסְט אַבִּיסְל וָואס אִיז חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, "הוּא יוֹדֵעַ שֶׁעִקַּר הַתַּעֲנוּגִים וְהַשַּׁעֲשׁוּעִים שֶׁל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הוּא רַק שֶׁאֲנַחְנוּ מֵעוֹלָם הַזֶּה הַשָּׁפָל נְגַדֵּל וּנְקַדֵּשׁ שְׁמוֹ יִתְבָּרַךְ", דֶער וֵוייסְט אַז דֶער עִיקָּר תַּעֲנוּג בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז וֶוען מִיר אִידְן פוּן אַזַא נִידְרִיגֶע וֶועלְט זָאלְן אִים דִינֶען, "וְזֶהוּ עִקַּר הַתַּעֲנוּגִים וְהַשַּׁעֲשׁוּעִים שֶׁל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע תַּעֲנוּג אוּן זִיסְקֵייט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מִיר זָאלְן אִים דִינֶען; אַזוֹי ווִי מֶען זָאגְט בַּיים דַאוֶוענֶען (מוּסָף לְיוֹם כִּיפּוּר): "וְאָבִיתָ תְּהִלָּה מִגּוּשֵׁי עָפָר מִקְּרוּצֵי חֹמֶר", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶוערְט גֶעלוֹיבְּט דוּרְךְ שְׁטִיקֶער בְּלָאטֶע וְכוּ', "כִּי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יֵשׁ לוֹ שְׂרָפִים וְחַיּוֹת וְאוֹפַנִּים וְעוֹלָמוֹת עֶלְיוֹנִים שֶׁהֵם עוֹבְדִים אוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאךְ בְּרֶענֶעדִיגֶע מַלְאָכִים, מַלְאָכִים וָואס הֵייסְן חַיּוֹת, מַלְאָכִים וָואס הֵייסְן וֶועגֶענֶער, אַזוֹיפִיל וֶועלְטְן וָואס דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְאַף עַל פִּי כֵן עִקַּר הַתַּעֲנוּג וְהַשַּׁעֲשׁוּעַ שֶׁלוֹ כְּשֶׁעוֹלֶה לְמַעְלָה הָעֲבוֹדָה שֶׁל עוֹלָם הַשָּׁפָל הַזֶּה", דָאךְ הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מֶער הֲנָאָה פוּן מִיר וָואס מִיר זֶענֶען דָא אִין דִי וֶועלְט.

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער זַיי שְׁטַארְק, לָאז נִישְׁט אָפּ דַיינֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים. דוּ שְׁרַייבְּסְט: 'אִיךְ שְׁפִּיר ווִי אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט וֶוערְד'; דָאס דַארְף דִיר נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן, וַוייל אוֹיבּ בִּיסְטוּ טַאקֶע גָארְנִישְׁט וֶוערְד - אִיז דָאךְ יֶעדֶע
<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

>>>>>>

קְלֵיינִיקֵייט וָואס דוּ טוּסְט זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָּׁה טוּט עֶפֶּעס גוּטְס - אִיז דָאס זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַסַאךְ מֶער פוּן דִי וָואס זֶענֶען נִישְׁט אַזוֹי וַוייט.

דֶער צַדִיק קוּקְט אַנְדֶערְשׁ וִוי מִיר קוּקְן, דֶער צַדִיק זוּכְט אִין יֶעדְן אֵיינֶעם דָאס גוּטְס; עֶר טְרֶעפְט גוּטְס אִין יֶעדְן אֵיינֶעם, אֲפִילוּ אִין דִי עֶרְגְסְטֶע מֶענְטְשְׁן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת תְּחוּמִין הֲלָכָה ו, אוֹת ו): "אֲפִילוּ אִם אֵין מוֹצְאִין בּוֹ כִּי אִם זְכוּת אֶחָד מִנִּי אֶלֶף", אֲפִילוּ דֶער צַדִיק טְרֶעפְט נָאר אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַ טוֹיזֶנְטְסְטְ'ל, אַ פִּינְטֶעלֶע גוּטְס, "וַאֲפִילוּ אִם יֵשׁ בְּאוֹתוֹ הַמִּצְוָה וְהַזְּכוּת עַצְמוֹ רֻבּוֹ פְּסֹלֶת וְאֵין בּוֹ כִּי אִם אֵיזֶה נְקֻדָּה טוֹבוֹת אֶחָד מֵאֶלֶף בְּאוֹתוֹ זְכוּת עַצְמוֹ", אוּן אֲפִילוּ אִין דֶעם פִּינְטְל אַלֵיינְס, אִין דֶעם טוֹיזֶנְטְסְטְ'ל גוּטְס וָואס דֶער צַדִיק הָאט גֶעטְרָאפְן, אִיז אוֹיךְ אָנְגֶעפִילְט מִיט שְׁלֶעכְטְס - מַאכְט דֶער צַדִיק אַ גַאנְצֶע עֵסֶק פוּן דֶעם אוּן דְרֵיידְט אִיבֶּער דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שַׁבָּת לב.): "אֲפִילוּ אִם בְּאוֹתוֹ הַמַּלְאָךְ עַצְמוֹ תְּשַׁע מֵאוֹת תִּשְׁעִים וְתִשְׁעָה חֲלָקִים לְחוֹבָה וְאֶחָד לִזְכוּת, נִצּוֹל גַּם כֵּן", אֲפִילוּ אִינֶעם מַלְאָךְ הַמֵּלִיץ וָואס אִיז נָאר אַ טוֹיזֶנְטְסְטְ'ל, אִיז אוֹיךְ דָא אִין אִים אַלֵיינְס נַיין הוּנְדֶערְט נַיין אוּן נַיינְצִיג סְבָרוֹת צוּ זָאגְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ - וֶוערְט דֶער מֶענְטְשׁ גֶערַאטֶעוֶועט; זָאגְט רֶבִּי נָתָן (שָׁם): "צַדִּיק כַּתָּמָר יִפְרָח (תְּהִלִּים צב, יג)", דֶער צַדִיק וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן תָּמָר, תָּמָר אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן תְּמוּרָה-אוֹיפְטוֹישְׁן, דֶער צַדִיק טוֹישְׁט אוֹיף, עֶר מַאכְט פוּן שְׁלֶעכְט - גוּט, עֶר דְרֵיידְט אִיבֶּער אַלֶע מְקַטְרְגִים - זֵיי זָאלְן וֶוערְן מְלִיצִים.

חוּץ פוּן דֶעם, אִיז דָאס נִישְׁט אֱמֶת; דוּ בִּיסְט יָא וֶוערְד, בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיסְטוּ זֵייעֶר וֶוערְד; **דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר זֵייעֶר לִיבּ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְפְט נִישְׁט קֵיינֶעם אַוֶועק.** חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה יט, ד): "אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא פּוֹסֵל לִבְרִיָּה", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְפְט קֵיינֶעם נִישְׁט אַוֶועק, "אֶלָּא לַכֹּל הוּא מְקַבֵּל", עֶר נֶעמְט אָן יֶעדְן אֵיינֶעם, "הַשְּׁעָרִים נִפְתָּחִים בְּכָל שָׁעָה", דִי טִירְן זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג אָפְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הַאלְט זִיךְ אָן אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; עֶפְן דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא, דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע אוּן הֶעכְסְטֶע פְּלַאץ. קוּק נִישְׁט אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת וָואס דֶער סַמַ"ךְ מֶ"ם בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין דִיר, אַז דַיין תּוֹרָה אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד; שֶׁקֶר וְכָזָב! דִי תּוֹרָה אִיז יָא וֶוערְד, יֶעדֶעס וָוארְט גְמָרָא וָואס מֶען לֶערְנְט אִיז וֶוערְד. דִי קְלִיפּוֹת צִיטֶערְן פוּן דִי תּוֹרָה, בִּפְרַט פוּן גְמָרָא, וַוייל וֶוען אַ אִיד לֶערְנְט אַ בְּלַאט גְמָרָא פַארְבְּרֶענְט עֶר אַלֶע קְלִיפּוֹת (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ריד).

אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט עֶפֶענֶען דַיין מוֹיל צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאלְסְטוּ פוּן דֶעם אַלֵיינְס מַאכְן אַ תְּפִילָּה אוּן אַ גֶעבֶּעט, זָאג: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, עֶפְן מִיר מַיין מוֹיל; אִיךְ ווִיל רֶעדְן צוּ דִיר, אִיךְ קֶען נִישְׁט רֶעדְן צוּ דִיר; הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ ווִיל נִישְׁט טוּן קַיין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן; וָואס זָאל אִיךְ טוּן, אִיךְ הֶער נִישְׁט אוֹיף צוּ פַאלְן! וָואס זָאל אִיךְ טוּן, אִיךְ הֶער נִישְׁט אוֹיף זִינְדִיגְן! אִיךְ זִינְדִיג עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירוֹת וָואס דָאס פַארְדְרֵייט מִיר מַיין מֹחַ מַחְשָׁבָה, עֶס מַאכְט מִיר טְרַאכְטְן אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין פַארְפַאלְן.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף מַיינֶע נִסְיוֹנוֹת, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, מִיט שִׂמְחָה וֶועל אִיךְ זִיךְ קֶענֶען מִתְגַּבֵּר זַיין אוֹיף דִי נַארִישֶׁע יֵצֶר הָרַע"; אַזוֹי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן, אוּן אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט בֶּעטְן, זָאלְסְטוּ בֶּעטְן נָאר אוֹיף דֶעם פְּרַט, אַז דוּ זָאלְסְט קֶענֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ הָאף אַז דִי פָּאר וֶוערְטֶער וֶועט דִיר זַיין פַאר חִיזוּק, דוּ וֶועסְט אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל פוּנְדָאסְנֵיי מִיט שִׂמְחָה דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן
זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים תשפ"א)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'
## הכנסת ספר תורה אין שטעטל
## אום יום טוב שבועות הבעל"ט

אין שטעטל איז פרייליך די טעג. אויסער דעם וואס מען גרייט זיך צום פרייליכן יום טוב שבועות הבעל"ט מיט'ן ראש ישיבה, גרייט מען זיך אויך צום געהויבענעם הכנסת ספר תורה, וואס וועט געפייערט ווערן אום יום טוב ברוב פאר והדר.

דער ראש ישיבה שליט"א איז כסדר מעורר איבער די וויכטיגקייט פון טון אין שידוכים, און ברענגט כסדר ארויס די צער און ווייטאג וואס די בחורים און מיידלעך מיט זייער צובראכענע עלטערן גייען דורך וואס עלטערן זיך און ווארטן ארויס צו טרעפן זייער שידוך בכליון עינים. גאנצע משפחות קענען צומאל צופאלן ווערן פון דעם וואס עס גייט דורך גאנצע יארן און מען באקומט ניטאמאל א קאל פון א שידוך.

דער ראש ישיבה שליט"א טוט טאקע למעשה, און איז עוסק גאר אסאך אין שידוכים, און דער אייבערשטער העלפט און ער האט ברוך ה' שוין זוכה געווען צו האבן א האנט אין אסאך שידוכים. דער ראש ישיבה האט אלץ גענומען די שדכנות געלט וואס די עלטערן געבן, און האט עס גענוצט צו שרייבן א ספר תורה.

אין א בריוו שרייבט דער ראש ישיבה שליט"א די פארגאנגענע וואך, "עס איז מיר א גרויסע שמחה אז איך האלט שוין ביים ענדיגן דעם ספר תורה; איך האב אנגעהויבן שרייבן דעם ספר זעקס יאר צוריק, מיין שוואגער איז דער סופר, א חשוב'ער אינגערמאן א ירא שמים, איך האב מיט אים אפגעמאכט אז ווען איך וועל האבן געלט וועט ער שרייבן. איך האב דאס געשריבן מיט געלט פון שדכנות; מוהרא"ש האט זיין גאנץ לעבן עוסק געווען אין די מצוה, איך בעט דעם אייבערשטן אז איך וויל אויך האבן די זכות צו קענען מאכן שידוכים; געלויבט דעם אייבערשטן אז איך האב שוין משדך געווען צענדליגער שידוכים.

איך האב דערציילט פאר מיין טאטע שליט"א, אדמו"ר מקארלסבורג, אז איך האב געשריבן דעם ספר תורה מיט געלט פון שדכנות האט ער מיר געזאגט אז דאס איז א מורא'דיגע זאך, "דו האסט מקשר געווען די ערשטע מצוה פון די תורה - פריה ורביה, מיט די לעצטע מצוה פון די תורה - שרייבן א ספר תורה; מיט'ן מאכן שידוכים האסטו דאך א חלק אין די מצוה פון פריה ורביה"."

יעצט ווען די ספר תורה ווערט ברוך השם פארטיג, האט דער ראש ישיבה באשטימט אז עס זאל אריינגעגעבן ווערן בעז"ה דעם יום טוב שבועות צום בית המדרש אויף האשקי ראוד אין שטעטל, דעם ערשטן טאג פאר'ן ליינען, פאר'ן זאגן אקדמות. און וועט גענוצט ווערן א גאנץ יאר אין בית המדרש פאר קריאת התורה.

אנשי שלומינו וואס ווילן קומען אויף יום טוב שבועות אין שטעטל, קענען זיך ווענדן צום וועד האש"ל אויף **718-306-2448**, וואס וועט בעזרת השם פרובירן צוצושטעלן אן אכסניא.

עליונים ששו ותחתונים עלזו בקבלת תורה מסיני!


## יום טוב שבועות

גרייט אייך צו קבלת התורה מיט א ברייטע אויסוואל פון הערליכע שיעורים, ניגונים, מגילת רות, מעשיות פאר קינדער, און נאך

קול ברסלב

**212-444-9191**

**1, 1, 9, 8**

## עצתו אמונה
## ביי אייער טיר



סובסקרייבט אייך צו באקומען די "עצתו אמונה" יעדע וואך אויף די פאסט פאר די ביליגע פרייז פון בלויז $2.99 א וואך

זייט אויך פון די גליקליכע וואס זענען זיך מחיה יעדע וואך מיט די פילע עצות און חיזוק אין לעבן

**718-387-2691 #3**

**subscribe@kerenhadfusa.org**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**



הפצת הגליון בבארא פארק נתנדב ע"י הבה"ח שלמה שווארץ ני"ו, ובמאנסי ע"י מו"ה שאול גאנץ הי"ו



< BreslevCenter.com >